בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן




## ✪ א גוט מארגן א גוטן חודש

דינסטאג טהרה ראש חודש ניסן. **שמוא'לי אינדיג** נ"י האט זיך זייער געפרייט אנצוצונדן דעם ראש חודש טשילא"ר אז אלע קינדער זאלן וויסן אז היינט איז ראש חודש, און מ'דארף גריסן א "גוט מארגן א גוטן חודש".

## ✪ בדיקת חמץ אין קינדערגארטן

לכבוד ראש חודש ניסן, ווען די קינדער זענען געקומען אין חדר, האט זיי אפגעווארט א איבערראשונג. דער רבי זאגט פאר די קינדער אז ערגעץ וואו אין חדר ליגט באהאלטן די "גוטע זאך" לכ' ראש חודש, און באלד וועלן מיר דאס אויפזוכן אזוי ווי מ'זוכט אויף דעם חמץ, און ווער עס וועט דאס געפונען, ער וועט דאס קענען אויסטיילן פאר אלע קינדערלעך. (אויב אייער אינגל וועט דערציילן מיט באדויער אז... "מיין רבי האט דאס געהייסן ארייןווארפן די קענדי אין גארביד"ש, וועלן מיר אייך דערציילן דעם סוד וואס עס האט פאסירט. ווען מ'האט געקויפט די קענדי, האט דאס אויסגעזעהן אז ס'איז א ווייכע דשעלי", דערוויל האט זיך ארויס געשטעלט אז דאס איז א הארטע קענדי, און שיעור האבן זיך עטליכע קינדער געשטיקט דערפון, דערפאר האבן עטליכע מלמדים געזאגט פאר די קינדער זאלן דאס געבן א לעק און דערנאך ארייןווארפן אין גארביד"ש קע"ן.....)

## ✪ דא דא יינו – דא דא יינו דיינו

(פאר די גרעסערע קינדער) די צווייטע מעשה וואס דער הייליגער קאזניצער מגיד פלעגט דערציילן, און דאס איז א סגולה פאר השפעות לצרכי החג. איז די מעשה פון דיינו. די חשובע מלמדים האבן דאס דערציילט פאר די קינדער במשך די וואך, און מיטוואך האבן מיר מיטגעהאלטן א שיינע פארשטעלונג מיט די הילף פון עטליכע קינדערלעך נ"י

עס איז אמאל געווען א גרויסער קעניג (**וואלווי (א) וויינשטאק** נ"י) ער איז געווען זייער רייך, ער האט געהאט גאר א טייערע רינגל, ער גייט ארום צו יעדן איינעם ווייזן זיין הערליכע רינגל. דעם רינגל האט ער זייער ליב געהאט און ער האט זייער אכטונג געגעבן דערויף. ביינאכט ווען ער איז געגאנגען שלאפן, פלעגט ער באהאלטן דעם רינגל אין זיין קרוין, און לייגן נעבן זיין בעט. איינמאל ביינאכט איז געקומען זיין באדינער וואס האט געהייסן דיינו. ער איז געווען זייער א שלעכטע מענטש, אויך א גנב. ער איז שטילערהייט אריין געקומען אינמיטן די נאכט ווען דער קעניג איז גוט געשלאפן, ער האט אויסגעטוהן זיין שיך דער קעניג זאל זיך נישט אויפוועקן, און שטאטעלעך צוגעגאנגען צו די קרוין און ארויס געגנב'ט דעם רינגל. ווער ווייסט וואו האט ער באהאלטן די רינגל? אין זיין "שיך". צופרי ווען דער קעניג איז אויפגעשטאנען און געזעהן אז די רינגל איז נישטא, איז ער געווארן זייער טרויעריג און אנגעהויבן וויינען וואו איז מיין רינגל? וואו איז מיין רינגל. דיינו קומט צו לויפן און ער העלפט זיכן די רינגל..... דער קעניג רופט אויס, אז ווער עס וועט אים העלפן אויפזוכן זיין רינגל וועט ער אים געבן אסאך געלט. איז געקומען א ארימע איד, ער האט געהייסן ר' דוד (**דוד זאבעל** נ"י) און ער זאגט פארן קעניג, איך גיי אויפזוכן די רינגל, דער קעניג געט אים געלט און ער גייט זיך אהיים. איז דער שלעכטער דיינו געקומען צום קעניג און געזאגט. דו מיינסט אז ר' דוד גייט העלפן זוכן די רונגל? עהה? ער גייט זיך גיין אין גראסערי און קויפן גוטע נאש.. טשואניג גואם, און דשעלי ביז'ס. קום לאמיר גיין צו זיין הויז און אריין קוקן אין זיין פענסטער, וועסטו זעהן אז ער זוכט נישט דיין רונגל.









עס איז געווען פסח ביינאכט, דער קעניג מיט דיינו זענען געגאנגען צו ר׳ דוד׳ס הויז. זיי קוקן אריין אין די פענסטער זיי זעהן א שיינע סדר טיש. פונקט האט מען געהאלטן אינמיטן זינגן די הגדה און זיי הערן ווי דער טאטע ר׳ דוד מיט אלע קינדער (**יואל עמרם ווייס נ״י – שמוא׳ סימאן נ״י – רפא׳ משה פישער נ״י**) זינגן אזוי שיין הויעך ״דא דא יינו, דא דא יינו, דיינו דיינו, נאכמאל דא דא יינו, דא דא יינו, דא דא יינו, דיינו דיינו. דיינו ווערט דערשראקן ער מיינט אז מ׳זאגט יעצט אויס אז ער האט געגנב׳ט די רינגל, ער לויפט אוועק פון דארט ווייט אוועק. דער קעניג רופט אים ער זאל שנעל צוריק געבן דער רינגל. ער ווייזט אלע טאשן אז ער האט נישט די רינגל. דער קעניג הייסט אים אויסטוהן זיין שיך. דיינו טוט נאר אויס איין שיך. די צווייטע וויל ער נישט אויסטוהן. ווער ווייסט פארוואס? צום סוף דער קעניג שרייט אים אן זייער שטארק, האט ער אויסגעטוהן זיין צווייטע שיך, און יעדער האט געזעהן אז ער דיינו איז דער גרויסער גנב וואס האט צוגעגנב׳ט די רינגל. דער קעניג האט שנעל גערופן צוויי פאליצייי (**ליפא (א) בראך נ״י – ליפא ג׳טליב נ״י**) און זיי האבן אוועק געטראגן דיינו אין די תפיסה. דער קעניג האט געגעבן זייער אסאך געלט פאר ר׳ דוד און ער איז געווארן זייער רייך, ער האט שוין געהאט גענוג געלט צו מאכן אסאך יו״ט פסח׳ס. דער באשעפער זאל העלפן ער זאל שיקן השפעות פאר אלע אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם, מ׳זאל קענען צורישן דעם לעכטיגן יו״ט פסח מיט הרחבת הדעת.

## ✪ די הגדה איז אט שוין פארטיג

גרויסע כוחות לייגן די חשובע מלמדים אריין צו צוגרייטן די קינדערלעך זיי זאלן זיין גרייט צום הייליגן יו״ט און וועלכע זיי זענען א גרויסע טייל אלס והגדת לבנך און קענען מקבל זיין די מסורה פאר קומענדיגן דור בעזהשי״ת. ספעציעל מיט די הגדה וואס די קינדערלעך ארבעטן אזוי פלייסיג יעדע אפטיילונג לויט זיין שטאפל. די גאר גרויסע שניידן אליינס אויס און קלעבן דאס אריין בלאט נאך בלאט. די שמחה פון די קינדער איז אין לשער. די קלענערע קלעבן נאר אריין די זאכן יעדע זאך אויף זיין פלאץ. אט אט וועט דאס זיין א דבר השלם און די קינדערלעך וועלן דאס אהיים ברענגן וואו זיי וועלן דורכדעם קענען מיטהאלטן דעם גאנצן סדר אי״ה.

## ✪ מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב פאר
המלמד החשוב

### מו״ה **משה גפן** שליט״א

צום געבורט פון זיין איניקל נ״י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן פיהל נחת פון אלע
אייערע קינדערלעך און אייניקלעך געזונטערהייט עמו״ש

ווי אויך פאר המלמד החשוב

### מו״ה **ישראל פארקאש** שליט״א

צום געבורט פון זיינע אייניקלעך צווילינג נ״י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן פיהל נחת פון אלע אייערע
קינדערלעך און אייניקלעך געזונטערהייט עמו״ש

## ✪ מעסעדש פון די וואך

(פאר די גרעסערע קינדער) אזוי ווי די קינדער ארבעטן די טעג אויף זייער הגדה, און מען פראבירט דאס צו האלטן פסח׳דיג, איז ראטזאם נישט צו שיקן קיין חמץ מיט די קינדער פאר ריסעס אויב מעגליך די טעג.

# זיסע חכמה׳לעך

✪

הײנט ביי פרישטאג רופט זיך אן **יחיא' שווארטץ** "איך עס <u>חמץ</u> א' אָ"....

✪

פאריגע וואך ווען **משה'לע קארנבלי** האט געזעהן אנגעגרייט זיין טאטע'ס רענצל צו פארן קיין לאנדאן מיט אן עראפלעי"ן האט משה'לע געפרעגט "וויאזוי לייגט מען די רענצל אויף די עראפלעי"ן?.... (ער האט געמיינט אז א עראפלעי"ן איז נאר אויפן הימל עס קומט נישט אראפ)

✪

**מרדכי'לע שמאיע** פרעגט "אויב די שוחט איז א אקס פארוואס שח'ט מען אים?"....

✪

ביים אפשאקלען נאכן עסן, זאגט דער טאטע פאר **יצחק פאלאטשעק**. דו ביסט שוין אינגאנצן אפגעשאקעלט? ענטפערט ער "ניין, ס'איז נאך דא חמץ אין מיין בויך"...

✪

ווען די רבי האט איבערגעחזר'ט די חד גדיא האט ער געפרעגט, ווער האט אויפגעגעסן די ציגעלע? רופט זיך אן דערשראקענהייט **לייבוש סאנדל** (א פרי נורסרי אניגל) "נישט איך" "נישט איך"...

✪

ווען דער רבי האט געפרעגט, ווער האט געשחטן די אקס? רופט זיך אן מיט א שמייכל **שלו' נחמן פילאפף** (א פרי נורסרי אינגל) "מיין טאטע".... (זיין טאטע איז א שוחט)

✪

**מושי** האט אנגעהויבן קוים חדר, און די ערשטע אפשערן איז אים געווען זייער אינטרעסאנט. ווען מ'האט אים אויסגעפרעגט צו יאסעלע שפיטצער האט נאך א פּאָנ"י, האט ער געזאגט אז ניין, ער האט שוין פיאות אזוי ווי מושי גייט באקומען פיאות אין מירון ל"ג בעומר אי"ה. האט ער זיך גענומען באקלאגן "איך וויל "שוין" גיין נעמען די פיאות פון די עראפלעי"ן"....

✪

ווען מ'האט געפרעגט **מרדכי'לע יאקאב**, וואס פאר א עסן מעג א איד עסן? האט ער געענטפערט שנעל – "נאר וואס האט א גוטע טעם..."

✪

**מענדי באסול** זאגט פאר זיין מאמע "מאך א טייג, טראג עס ארויס אויפן גאס. פארוואס? ווייל אז נישט גיי מיר נישט האבן קיין מצה אויף פסח"...

✪

**יודא'לע'ס** ברודער איז אהיים געוקמען פון חדר און דערציילט אז ער מאכט א הגדה אין חדר. יודא'לע רופט זיך אן "אוי וויי, ער האט פארגעסן, מ'טאר נישט דערציילן א סוד... "שפעטער האט יודא'לע געזאגט "איך האב עפעס געמאכט אין חדר, עפעס הג... מען טאר נישט זאגן, ס'איז א סוד"...

✪

**רפא' ברזעסקי** (א פרי נורסרי אינגל) האט באמערקט א אינטרעסאנטער <u>טעלפאון</u> אין שטוב. ביינאכט ווען זיין טאטע איז אהיים געקומען פון ישיבה, האט ער געפרעגט. "טאטי! <u>א</u> <u>צוגענומען</u> <u>א</u> <u>בחור</u>?"... קאמענטארן זענען איבעריג...